NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13168

A MAYSE MIT A BALYE

Kadia Molodowsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

מעשהלעך

№ 2

א מעשה מיט אַ באַליע.

אַ מאַנטל
פון א טונקעלן געוואַנטל.

אין פּרעסע אויך

אַרויסגעגעבן דורך דער יידישער שול-אָרגאַניזאַציע אין פּוילן
וואַרשע
1931

[illegible]

אַ מעשה מיט אַ באַליע

אַ מעשׂה מיט אַ באַליע

אין אַ ליכטיקן טאָג, אין אַ גליקלעכער שעה,
די זון איז געשלאָפֿן אויף טישן און בעטן,
האָט כאַנטשע געקויפֿט אַ דייזשע, ברייט קנעטן.

קנעטן היינט און קנעטן מאָרגן —
ווי לאַנג ס'זאָל נישט הייערן,
ווייל דער טייג אַלין נישט ווערן.

האָט כאַנטשע געזאָגט אַזוי:
אַז די דייזשע איז קאַליע,
וועט עס זיין פֿאַר אַ באַליע.

איצט גייט וואונדער איף וואונדער
אַז קינדערשע קליידער און העמדער מיט שמוץ און מיט
    פֿלעקן
וואַשט די באַליע אַליין, אָן אַ פּיצעלע זייף, אָן אַ האַנט צו
    פֿאַרשטעקן.

ווי אזוי ?
ס'גיט א העמדל זיך דריי מאָל א דריי, ווי א רייף,
ווערט א באַליע זייף.
לינקס א ראָד,
רעכטס א ראָד —
שוין פון באָד.

קומען שכנות פון קעלערס, פון בוידיטס, פון מיטלסטע שטאָקן:
כאַנטשע-לעב, כ'האָב קינדערלעך זיבן, רק וואָס אויך צוואָג,
אנטליי מיר די באַליע אויף היינטיקן טאָג.

איז די באַליע געגאַנגען, אזוי ווי א בשורה:
פון קעלער ארויף, אויף אן אויבערשטן שטאָק,
פון דאָרטן אין הויף, אין א פינצטערן ראָג.

דערנאָך:
אויף א בוידים, אין א שטוב אן א טיר,
און אַרויף, ווי א וויאַטראַק, אויף טרעפּלעך פיר.

דערנאָך:
אין א שטוב מיט א הרובע א בלויע,
פון דאָרט צו א שכנישע גוייע.

האָט די מעשה געדויערט
אַזוי ברייט, אַזוי לאַנג,
ביז די באַליע אַליין האָט געוואַקסט שוין דעם גאַנג.

האָט די באַליע געוואַגט
און גענומען אַליין
פון דירה צו דירה זיך קייקלען און גיין.

טראַכט די באַליע און וואַרגט
פייגע־ביילע און די מאַנסבילשע קאַמאַשן,
מוז מען צו איר הנטיק קומען וואַשן,

ווייל זי האָט קליינע קינדערלעך,
מוז אָפטער וואַשן ווינדעלעך.

און מאַנטיק וואַשט מען העמדעלעך און אויבער־שטיבל.
און דינסטיק, האָט נישט קיין פּאַראַיבל,
וואַשט מען מיטקעלעך.

און וואַשן לייבעלעך און זאָקן
קייקלט זיך די באַליע מיטוואָך מיט גערויש און מיט
געהילך
צו שרה־זלאַטע, וואָס האַנדלט מיט ציגן־מילך.

דאָנערשטיק איז אַ געשפּאַר,
קייקלט זיך די באַליע, ווערט צווייטאַל אַזוי ברייט,
וואַשט העמדעלעך פאַר קינד און קייט.

פרייטיק גייען קינדער אין קלאָרן וועש,
פרייטיק ווערט די באַליע זייער פרום,
און וואַשט זיך גאָר אַליין אַרום.

אַ באַנטל פֿון אַ טונקעלן געוואַנטל

אַ מאַנטל
פון אַ טונקעלן געוואַנטל

ביי אַ שניידער, אין קאַמער,
פול מיט קינדער, קיין עין-הרע,
קינדער פּיצעלעך, ווי טאָן,
שטייט אַ וויגל אויבן-אָן.

איצטער הייבט זיך אָן די מעשה,
נישט פון ציגעלעך קיין ווייסע
נאָר אַ מעשה פון אַ מאַנטל
פון אַ טונקעלן געוואַנטל.

האָט מען אויפגענייט אַ מאַנטל
פון אַ טונקעלן געוואַנטל
פאַרן עלטסטן בחור שמואל,
ער זאָל קענען גיין אין שול.

גייט אים שמואליק יאָרן דריי,
איז דער מאַנטל שפּאָגל-נײַ.
גייט אים שמואליק נאָך אַ יאָר,
איז דער מאַנטל שענער גאָר.

איינמאָל שמואליק טוט אים אָן,
איז דער מאַנטל קורץ אין סטאָן.

ווערט אַ טומל אין קאַמאָרע:
— נאַ דיר גאָר אַ נייע צרה,
שמואליק טוט דעם מאַנטל אָן,
איז דער מאַנטל קורץ אין סטאָן.

נו, איז מילא —
טוט שוין אָן דעם מאַנטל ביילע.

גייט אים ביילע יאָרן דריי,
איז דער מאַנטל שפּאָגל-נײַ.
גייט אים ביילע נאָך אַ יאָר,
איז דער מאַנטל שענער גאָר.

איינמאָל ביילע טוט אַ שפּיי,
פּלאַצט אין מאַנטל נעטלעך דריי.

ווערט אַ טומל אין קאַמאָרע:
— נאַ דיר גאָר אַ נייע צרה!
טאָמער ביילע טוט אַ שפּיי,
פּלאַצט אין מאַנטל נעטלעך דריי?

וואָס־זשע קען דאָ זיין דער מער?
גייט אין מאַנטל יאָפּל־בער.

גייט ער אין אים יאָרן דריי
אין דער מאַנטל־שפּאַגל־ניי.
גייט ער אין אים נאָך אַ יאָר
אין דער מאַנטל שיינער גאָר.

איינמאָל פאַלט ער איבער די טרעפּלעך
און אַ כויף צו אַלע קנעפּלעך.

ווערט אַ טומל אין קאַמאָרע:
— נאַ דיר גאָר אַ נייע צרה!
גיין און פאַלן איבער די טרעפּלעך
און פאַרלירן אַלע קנעפּלעך?

און עס פּסקנט דאָס געזינדל:
— זאָל שוין גיין אין מאַנטל הינדל.

גייט אים הינדל יאָרן דריי,
איז דער מאַנטל שפּאָגל־ניי.
גייט זי אין אים נאָך אַ יאָר,
פעלט דעם מאַנטל נישט קיין האָר.

איינמאָל ווערט אַ גרויסער טומל,
אַלע שטייען אין אַ רומל,
הינדל כליפּעט אויפן בעט —
ס'אָנגעוואָרן אַ מאַנקעט.

שרייען אַלע, אַלע, אַלע:
— דאָס־איז־דאָס אַ מויד אַ כלה!
ליגט און כליפּעט אויפן בעט!
ווי פאַרלירט מען אַ מאַנקעט?

האָט שוין אָנגעטאָן דעם מאַנטל
איצט דער יינגסטער בחור פאַנטל.

— פאַנטל, פאַנטל, איי איז דאָס אַ בחורעץ!
חברט זיך מיט הינט און קעץ,
יאָגט זיך נאָך נאָך יעדער וואָגן,
שלאָגט זיך, ווערט אַליין געשלאָגן,
מיאַוקעט, פייפט, און שרייט, און בילט,
און די מאַמע לאַכט און שילט.

האָט שוין אָנגעטאָן דעם מאַנטל
איצט אַט דער־אַ תּכשיט פֿאַנטל.

האָט ער באַלד דעם ערשטן טאָג
אָפּגעפּליקט אַ גאַנצן ראָג
און אויפֿמאָרגן אינדערפֿרי
אויסגעהאַקט אַ לאָך אין קני.
און דעם זעלבן טאָג פֿאַרנאַכט
אַן אַ קאָלנער אים געבראַכט,
מיט צוויי לעכער גרויס ווי אויגן
אין די בײדע עלנבויגן.

ווערט אַ טומל, אַ געשריי:
— אָך און אַך, און ווינד און וויי!
אַזאַ מאַנטל, אַזאַ מאַנטל
פֿאַלט אַרײַן צום תּכשיט פֿאַנטל.

איינמאָל פֿאַנטל איז נישט פֿויל.
קומט צו לויפֿן נאַקעט, הויל,
שרייען אַלע פֿאַראַמאָל,
אַלע, אַלע אין איין קול:

— תּכשיט, שייגעץ, פֿלעדערמויז,
וואו דער מאַנטל, זאָג נאָר ~~אויס~~?

ענטפערט זיי דער וואגלער יונג
מיט אזא שארפע צונג :

— כ'האָב פֿון אים דעם רעכטן לאַן
אָפּגעשענקט דער שוואַרצער קאַן.
און דערנאָך דעם לינקן לאַן
אָפּגעשענקט דער ווײַסער קאַן,
און די רעשטע, לאָך איך לאַך,
מ'אַנקומען די צווייטע וואָך.

ווערט אַ טומל, אַ געשריי :
— אַך און אָך, און ווינד און ווײ !
אַזאַ מאַנטל, אַזאַ מאַנטל!
פֿאַלט אַרײַן צום תּכשיט פֿאַנטל.

Printed in Poland

K. Molodowska — Maselech

Copyright by
Zjednoczenie Szkół Żydowskich w Polsce

Druk. G. Piment, W-wa, Sierakowska 4

אויסשליסלעכער פארקויף:

צענטראלער ביכער לאגער „קולטור-ליגע“. ווארשע, לעשנא 40